# האס אדער דיסקרימינאציע אויפן באזיס פון ראסע, רעליגיע, נאציאנאלע אפשטאם, אדער אנדערע אייגנשאפטן איז נישט טאלערירט אין NYC.

**אויב איר אדער איינער וואס איר קענט ווייסט פון איינער וואס איז געווארן פיזיש געטשעפעט אדער אנגעגריפן צוליב אייער אידענטיטעט - אריינגערעכנט אייער ראסע, עטנישע גרופע, אדער רעליגיע- ביטע רופט 911.**

איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט א פארברעכן וויקטים אדוואקאט צו העלפן האנדלען מיט די עמאציאנאלע, פיזישע, און פינאנציעלע נאכווייען פון א פארברעך, און דורכקוקן אנדערע אפציעס. רופט די ״אל קריימס״ האטליינס אויף 1-866-689-4357 TDD: 866-604-5350.

NYPD אפיצירן וועלן נישט פרעגן איבער אימיגראציע סטאטוס פון איינע וואס בעט הילף, און שפראך הילף איז אוועילעבל. אפיצירן קענען אויך העלפן פארבינדן אינדיווידועלן צו שטיצע סערוויסעספאר באטראפענע וואס זענען אוועילעבל פאר זיי.

**אויב איר אדער איינער וואס איר קענט ווייסט פון איינעם וואס איז געווארן געטשעפעט אדער דיסקרימינירט דורך א ביזנעס, ארבעטסגעבער, אדער לענדלארד וועגן אייער אידענטיטעט ביטע רופט NYC קאמיסיע אויף יומען רייטס אויף 212-416-0197.**

איר זענט באשיצט קעגן דיסקרימינאציע אין האוזינג, ביי די ארבעט, און אין פאבליק פלעצער באזירט אויף אייער ראסע, רעליגיע, נאציאנאלע אפשטאם, עלטער, אימיגראציע סטאטוס, פיזישע באגרעניצונג, אדער אנדערע באשיצטע קלאסן אונטער די NYC יומען רייטס געזעץ, ענפארסירט דורך די NYC קאמיסיע אויף יומען רייטס. פארלעצער קענען ווערן פארלאנגט צו צאלן שטראף געלטער און/אדער שאדן צום באטראפענעם. **צו בעטן טרענירונג, אריינגערעכנט בייסטענדער אינטערווענשן, רופט 212-416-0197 אדער באזוכט nyc.gov/humanrights.**

## דארפט איר אימיגראציע לעגאלע הילף?

אויב זענט איר אן איבערלעבער פון געוויסע ערנסטע פארברעכן (אריינגערעכנט ארבעט אדער געשלעכט טראפיקינג), קענט איר זיין בארעכטיגט פאר געוויסע סארטן אימיגראציע הילף. פאר אומזיסטע און זיכערע אימיגראציע הילף, אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס, **רופט די סיטי'ס אימיגראציע לעגאלע האטליין אויף 1-800-354-0365, מאנטאג ביז פרייטאג, 9 אינדערפרי ביז 6 נאכמיטאג.**

## זוכט איר גייסטישע געזונטהייט הילף?

אויב איר אדער א באליבטער פילט איבערגענומען אדער דערדרוקט, קען NYC 988 אייך העלפן. NYC 988 איז א פרייע, קאנפידענציאלע הילף ליניע פאר גייסטישע געזונט שטיצע אוועילעבל 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אין איבער 200 שפראכן. **צו רעדן צו א קאונסלער רופט אדער טעקסט 988 אדער שמועסט אנליין אויף lifeline.org/chat988.**

Commission on Human Rights | Mayor's Office of Immigrant Affairs | Office for the Prevention of Hate Crimes | Office of Community Mental Health | NYC